## העמדער

הענגען העמדער אויף אַ שטריק,
און מע הוידעט זיך,
און מע סודעט זיך,
און מע רעדט פון פּאָליטיק.
— על פּי לאָגיק
האַלטן מיר שוין בײַ מלחמת גוג ומגוג
(זאָגט אַ מאַנזביל־העמד און וואַרפט מיט ביידע אַרבל).
— יאָ, געטראָפן ווי אין קאַרבל!
(ענטפערט אים אַן אונטערהעמד אַ שלימעזאַלניק)
קיינמאָל ניט געווען די וועלט אַזוי אונטערן פּראַלניק!
קיינמאָל ניט געגרייכט אַזוי דאָס הייסע וואַסער ביזן האַלדז!
אַז מיר צוגעטרעטן, איך געמיינט — אַ סוף! איך ענדיק!
— קיינמאָל... קיינמאָל... אָט דאָס הערט מען פון אים שטענדיק.
קומט צום פּראַלניק — אַלץ דאָס אייג'נע, אַלץ!
קויטיק שוין דער פּזמון!
(שפּעט אַ מיידל־העמד, אַן אויסגעגנייטס, מיט שפּיצעלעך,
כאַפּנדיק פון ווינטל קוצעניר־ און מוצעניר־קיצקיצעלעך.)
— נו, אַוודאי, יאָ, דערויף דאָך איז מען העמדער איז מען...
(ציטערנדיק־פלאַטערנדיק זאָגט אַ העמד אַ זקן)
שייך? פאַרן פּראַלניק זיך דערשראָקן?
בע! אַזוי דער סדר־עולם —
זינט די וועלט שטייט, שלאָגט מען העמדער שלאָגט מען...
— נו, וואָס זאָגט מען?
גולם!
שמאַטע־שעבעשמאַטע!
נעם אַ נאָדל, נעם דיר
און ניי־צו דיר אויפן סאַמע מויל אַ לאַטע!
אייביק, מיינסטו, וועט די וועלט צעטיילן זיך אויף פּראַלניקעס
און העמדער?

— שטילער! שטיל! באַהיט, אוי, זאָל מען ווערן!
אי־נו־אָ, דער פּראַלניק קען, חלילה, נאָך דערהערן!
פלויט האָט אוי׳רן, ווינט — אַ טבע צו צעטראָגן!
— וואָס־זשע קען דער פּראַלניק טון אונדז? מער ווי שלאָגן?
און דאָס טוט ער סײַ־ווי־סײַ דאָך!
— פּי, אַ מויל!
— פײַערדיקע קויל!
— אוי, איך שרײַ, איך שרײַ דאָך:
אַז דער פּראַלניק שלאָגט, איז דאָ דערצו אַ גרונד!
ניט דער שטעקן שולדיק, נאָר דער הונט!
— הערט איר: שמײַסן איז נאָך ווייניק, שמײַסן!
איר געדענקט נאָר וואָס איך זאָג אײַך — שטיקער וועט מען רײַסן!
— גאָט מיט דיר! אַל תּפתּח פּה!
— זע נאָר, ווי דער שמדניק האַלט זיך בײַ די זײַטן, זע! — —
און אַזוי־אָ איצט, אַזוי געווען מיט טויזנט יאָר צוריק:
הענגען הענגט מען אויפן שטריק,
און מע וואַרפט זיך, און מע רעדט פון פּאָליטיק!